# פרשת מקץ כ"ד – ל' כסלו תשע"ו לפ"ק

***יום ראשון פרשת מקץ***

בתפלת שחרית עבר **רבינו שליט"א** לפני התיבה לרגל היארצייט של אמו הרבנית מסאמבאטהעלי ע"ה. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים.

בשעות הערב (ליל א' דחנוכה) הדליק **רבינו שליט"א** נרות חנוכה בבית המדרש סאמבאטהעלי. בין המשתתפים נוכחו: **הרה"ג רבי אשר גדלי' פאללאק שליט"א** אב"ד בראשוב, **הרה"ג רבי ישכר בעריש וויינבערגער שליט"א** אב"ד טורקא.

באמירת דברי תורה נסב **רבינו שליט"א** את דבריו על דברי הגמרא (סוטה ט.) משה ודוד לא שלטו שונאיהם במעשיהם, ויתכן לומר שה' צוה למשה או לאהרן לגנוז פך של שמן, שאם יבואו אויבים ישאר פך שמן טהור ממעשי ידי משה שבהם לא ישלטו ידי האויבים, וזהו ויקחו 'אליך' וגו' להעלות נר 'תמיד'.

והמשיך לבאר שבמעשה הדלקת המנורה במקדש ה', איתער עובדא דלעילא הדלקת המנורה במקדש שלמעלה, וזהו אל מול פני המנורה שלמטה, יאירו שבעת הנרות, היינו המנורה שבמקדש למעלה, שיעורר במעשה ההדלקה להאיר גם הנרות למעלה. והגם שלמעלה נעשית העבודה על ידי המלאכים מיכאל שר הגדול, ואיך אפשר שעל ידי מעשה בשר ודם יתעורר עובדא דלעילא להדליק הנרות, לזה אמר ויעש כן אהרן, להגיד שבחו של אהרן שלא שינה, היינו שלעבודתו לא היתה שום שינוי ממעלות ודרגות דלעילא, כי מלאך ה' צבאו‑ת הוא.

ולזה הוצרכו בנס חנוכה לשמן טהור דייקא, הגם שטומאה הותרה בצבור, אבל לעורר הדלקה למעלה צריכין שמן משחת קודש טהור בלי שום שמץ של טומאה. וזה נרמז במה שכתבו בספרים הק' שזוכים בימים אלו לאור הגנוז, היינו לאור הגנוז מעינינו, שמאיר אור מההדלקה למעלה בשמי מרום, שנתעורר על ידי הדלקת נר חנוכה דלמטה.

*

***יום שני פרשת מקץ***

בשעות הערב (ליל ב' דחנוכה) הדליק **רבינו שליט"א** נרות חנוכה בבית המדרש סאמבאטהעלי. בין המשתתפים נוכחו: **הרה"ג רבי ישעי' גדלי' קויפמאן שליט"א** דומ"ץ קראלי, **הרה"ג רבי נפתלי הירצקא צוויבל שליט"א** ראה"כ סאטמאר (וומסב"ג).

קוטב הדברי תורה היתה בסוגית הגמרא (שבת כג:) נר חנוכה וקידוש היום דפירסומי ניסא עדיף, ובגדרי דין פירסומי ניסא של הדלקת נרות חנוכה ומצות ד' כוסות, ומשא ומתן בדברי **השבות יעקב** (סימן מ"ט) אם שייך פרסומי ניסא בקידוש היום בליל שבת. - ובעיקר מצות קידוש היום ונר חנוכה אי הוי מדאורייתא או מדרבנן, ובשיטות הראשונים בזה.

והמשיך בדברי אגדה במה שהכהנים בני חשמונאי מסרו נפשם לצאת למלחמה, כיון שלא היתה להם שום חשיבות בשנות חייהם בלי קיום תורה ומצוות, ואדם גדול וירא שמים שנמצא במדרגה זו מותר לו למסור נפשו על כל מצוות שבתורה (כמבואר **בדרכי משה** יו"ד סימן קנ"ז, וביתר ביאור **בישמח משה** פ' כי תשא). ולכן הגם כי עניני עבודת ויראת ה' נמסר לבני אדם ואינו מן השמים, מכל מקום עשו להם נס השמן כיון שהיתה בזה צורך חיי נפשם, ונחשב כצרכי עולם הזה שמזומינים מן השמים.

בשעות הלילה נסע **רבינו שליט"א** לב"פ והשתתף אצל הבר מצוה של הבחור **פנחס מנחם** נ"ו, בן הר"ר **לייב ראזענבערג** הי"ו, שהתקיים באולם עדת טערעס.

*

***יום שלישי פרשת מקץ***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין להבחור **פנחס מנחם** נ"ו בן הר"ר **לייב ראזענבערג** הי"ו. - אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **יוסף פישער** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

אחר הברית השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. - אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל סעודת הברית, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** שטייט אין די טעג פון חנוכה, עס איז באקאנט די קשיא פונעם **בית יוסף** (או"ח סימן תר"ע)

פארוואס מען האט קובע געווען חנוכה אכט טאג, אויף איין טאג איז דאך געווען א פך שמן להדליק, און מען האט נישט געדארפט קיין נס. איז דאך די נס געווען נאר זיבען טעג, פארוואס האט מען קובע געווען אז מען זאל האלטן חנוכה אכט טאג.

**אין** די מפרשים שטייט א טעם, ווייל די יונים האבען געוואלט להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך. און די עיקר האבען זיי זיך פארלייגט אויף דריי מצות, חודש, שבת, און מילה. זיי האבען געוואלט מבטל זיין חודש ביי יודען, מיר ציילען די חדשים אנדערש ווי זיי ציילען. ביי אונז איז דער שבת אנדערש. און יעדער יוד האט א חותם ברית קודש, א מצוה פון מילה. און אזוי ווי מען האט געוואלט מאכען א רמז אינעם יום טוב פון חנוכה אויף די מצות וואס זיי האבען זיך פארלייגט, האט מען קובע געווען חנוכה אכט טאג, ווייל אין די אכט טאג איז דא א ראש חודש אינדערמיט, עס איז דא א שבת, און אז עס איז אכט טאג, איז עס א רמז אויך אויף די מצוה פון מילה, וואס איז ניתנה לשמיני. עס שטייט פונעם **חיד"א** (**דבש לפי** ח-ז, הובא **בבני יששכר** כסלו ד-לח), אז חשמונא"י איז די ראשי תיבות, ח'ודש ש'בת מ'ילה ו'נס נ'רות א'ותם י'קיימו, די יום טוב אויף די נס פון די נרות חנוכה, האט געגעבן א קיום פאר די מצות פון חודש, שבת, און מילה.

**פארוואס** האבען זיי זיך פארלייגט פונקט אויף די דריי מצות. עס קען זיין וואס עס איז נוגע צו די מצוה פון מילה, ווייל עס שטייט פונעם **מהר"ל**, אז וועגן דעם איז מילה ניתנה לשמיני, ווייל דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט אין זיבען טאג, כי ששת ימים עשה ה' את השמים ואת הארץ, וביום השביעי שבת וינפש (שמות לא-יז). וואס עס האט צוטון מיט טבע, איז אינעם מספר פון זיבען, ווייל די טעג פון בריאת העולם איז געווען זיבען. ביי אכט גייט מען ארויס פון די טבע, ווייל די טבע איז נאר אין די שבעת ימי בראשית. דורך דעם וואס יודען זענען מקיים די מצוה פון מילה, דורך דעם גייען זיי ארויס חוץ לדרך הטבע. אין מזל לישראל (שבת קנו.), מיר זענען נישט אונטער די מזלות. מיר האבען א כח מיט תפלה און אנדערע זכותים, אז מיר קענען משנה זיין די טבע. די מצוה פון חודש ווייזט אויך אויף דעם. יודען קענען משנה זיין די טבעיות פון די וועלט דורך זייערע חדשים. א בתולה וואס איז אדורך געגאנגען ג' שנים, און מען האט מעבר געווען די יאר, איז זי חוזרת לבתוליה (ירושלמי נדרים ו-ח, ועיין ש"ך יו"ד סימן קפ"ט סקי"ג). און אויך דורך מצות מילה וואס איז אינעם אכטן טאג, האבען יודען א כח צו קענען מהפך זיין די טבע פון די וועלט.

**די** יונים האבען געוואוסט אז בדרך הטבע זענען זיי שטערקער פון יודען. רש"י (דברים לג-יא) זאגט, אז צוועלף חשמונאים האבען מלחמה געהאלטן, אקעגן א אימפעריע פון מלכות יון, און בדרך הטבע איז נישט געווען מעגליך אז מען זאל קענען זיגען. עס איז געווען א נס, אז דער אייבערשטער האט געהאלפען רבים ביד מעטים וטמאים ביד טהורים. די יונים האבען געוואוסט, אז ווילאנג יודען זענען מקיים מצות מילה, זענען זיי העכער פון די טבע. און אז זיי זענען העכער פון די טבע, דארף מען מורא האבען אז זיי וועלן זיגען די מלחמה, אפילו עס איז שלא כדרך הטבע. און אז מען וועט מבטל זיין מצות מילה פון יודען, וואס מילה ווייזט אז מען איז ארויסגעגאנגען פון די טבע, וועט מען בלייבען נאר אין דרך הטבע, און אין דרך הטבע האבען זיי די יודען אין די הענט. ווייל בדרך הטבע קען מען זיך נישט שלאגען מיט אזא גרויסע מלוכה, אזוי ווי די יונים זענען געווען. וועגען דעם האבען זיי זיך פארלייגט אויף מצות מילה, ווייל זיי האבען געוואלט אז יודען זאלן נישט שטיין העכער די טבע, און בדרך הטבע שטייען זיי העכער פונעם כלל ישראל.

**דער** אייבערשטער האט געמאכט דעם נס, צו ווייזען, אז אפילו ווען יודען זענען אין שפלות פונעם גלות, דער נס פון חנוכה איז געווען דער לעצטע נס ביי יודען, בשעת עס האט זיך שוין אנגעהויבען די ירידה פון יודען. און דער אייבערשטער האט געוויזען ביי די נס פון חנוכה, אז ער פארלאזט נישט יודען. ואף גם זאת בהיותם בארץ אויביהם לא מאסתים ולא געלתים לכלותם (ויקרא כו-מד), אפילו בדרך הטבע קען מען נישט זעהן ווי אזוי מען וועט זיך האלטן, וועט דער אייבערשטער פירן שלא כדרך הטבע.

*

בשעות הערב (ליל ג' דחנוכה) הדליק **רבינו שליט"א** נרות חנוכה בבית המדרש סאמבאטהעלי. בין המשתתפים נוכחו: **הרה"ג רבי פרץ טובי' דייטש שליט"א** אב"ד חליסה (ב"פ), **הרה"ג רבי אלישע הורוויץ שליט"א** אב"ד שערי תפלה (לאורענס), **הרה"ג רבי בנימין ברייער שליט"א** דומ"ץ דבית מדרשנו זכרון יהודא בב"פ, **הרה"ג רבי ברוך בעק שליט"א** (בן הגה"צ אב"ד מעלבאהן שליט"א, מרביץ תורה בת"ת בב"פ).

באמירת דברי תורה המשיך **רבינו שליט"א** לבאר סוגית הגמרא בנר חנוכה וקידוש היום, ופלפל בדין אין מעבירין על המצוות, ואם שייך כלל זה אם רוצה לקיים המצוה אחר כך ביתר הידור, שלכמה פוסקים דין הידור מצוה הוי מן התורה. וישב בזה קושית **הדגול מרבבה** (או"ח ריש סימן רע"א) שלכן יכול הבעל להוציא את אשתו בקידוש היום, הגם שכבר יצא ידי חובתו בתפלה, מכל מקום כיון שבודאי רוצה לקיים מצות קידוש בהידור על היין דייקא, אמדינן דעתו שאינו רוצה לצאת חובתו בתפלה.

וכמו כן בהדלקת הנרות בימי החשמונאים הוצרכו להשתמש בפך השמן לצורך המנחת 'חביתין' של הכהן (שמנחה זו אי אפשר להשלימו ביום אחר) משום אין מעבירין על המצוות, ולכן הוצרכו לנס השמן גם ביום הראשון לצורך הדלקת המנורה, וזהו אסרו חג וגו' עד 'קרנות' המזבח, היינו שהוצרכו לנס כדי להקריב המנחות על גבי המזבח. ומספר לוגי השמן שהוצרכו להדלקת המנורה ז' ימים (כ"ד וחצי לוגין), וכ"ד לוגין של מנחת חביתין לח' ימים, עולה מ"ח לוגין שנרמז בקרנות תיבת מ'זב'ח. והוסיף עוד נדבך שאולי היתה נס השמן גם למנחת 'התמיד', אשר הגם שיכולין להביא הנסכים אחר עשרה ימים, מכל מקום יש בזה הידור למצות שירה על הקרבן בשלימות (עיין תוספות ר"ה ל:), ולזה קבעו ימי החג בשיר ורננים.

*

***<u>יום רביעי פרשת מקץ</u>***

בשעות הערב (ליל ד' דחנוכה) הדליק **רבינו שליט"א** נרות חנוכה בבית המדרש סאמבאטהעלי. בין המשתתפים נוכח **הרה"ג רבי אפרים צבי ראזענבערג שליט"א** דומ"ץ צמח צדיק וויזניץ (וומסב"ג).

באמירת דברי תורה דיבר **רבינו שליט"א** בפרשת קרבנות הנשיאים, דיש לומר בסיבתו של אהרן שלא הקריב קרבנות בחנוכת המשכן, הוא משום ששבטו של לוי שהיו דבוקים בה' ביותר לא איחרו כלל בהבאת נדבת המשכן, ולכן לא היו צריכין להביא הקרבנות לכפר על מעשיהם, אולם חלשה דעתו של אהרן לפי שעלו הנשיאים לדרגת בעלי תשובה שגבוה ממדרגת הצדיקים (ברכות לד.), והקב"ה ניחמו בהדלקת והטבת הנרות, שמרמז על דרגת התשובה אצל הצדיקים, ששבים כל ימיהם על עבודתם של ימים שעברו, ואחר ההדלקה למחרתו מטיבין הנרות ומתקנים עבודתם של אתמול.

**רבינו שליט"א** המשיך את אמריו בדברי **החתם סופר** שהדליקו הנרות בחוץ בזמן הנס, וביארו על פי דברי **הרמב"ן** (ר"פ בהעלותך) שבהדלקת נרות חנוכה ממשיכין בזה עבודת המנורה בבית המקדש, אמנם איך אפשר לזרים האסורים ליכנס למקדש לעורר בהדלקתם עבודת הכהנים משרתי ה' שהדליקו נרות במקום הקודש והמקדש, לכן השכילו החשמונאים להדליק הנרות בזמן הנס בחצר המקדש, כדי שידליקנו זר מחוץ למקדש, ובזה ימשיכו עבודת הדלקת הנרות בדורות העתידים גם כשיהיה בחוץ ועל ידי זרים.

*

***<u>יום חמישי פרשת מקץ</u>***

בשעות הצהרים מילאו מאות ילדי התשב"ר של מוסדותינו הק' וויליאמסבורג – בארא פארק – מאנסי את היכל בית מדרשנו בוויליאמסבורג, כולם התאספו יחד למעמד ומסיבת חנוכה בראשות **רבינו שליט"א**.

הרב רבי **ראובן אלעזר פריעדמאן** שליט"א מנהל הת"ת בוויליאמסבורג פתח את המעמד. אחר פרקי שיר וזמירות לכבוד היום, השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש לילדי המוסדות. עם סיום המעמד עברו כל תלמידי התתי"ם לקבל מעות חנוכה מידו של **רבינו שליט"א**.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**איך** וויל באגריסען די חשובע טייערע בחורים און קינדער, וואס זענען זיך צוזאמגעקומען צו די מסיבת חנוכה. די טעג פון חנוכה האבען די חכמים מתקן געווען להודות ולהלל, אז מען דארף דאנקען און לויבען דעם אייבערשטען, דאס איז דער אינהאלט פון די טעג פון חנוכה. מען צינדט יעדע נאכט די נרות חנוכה, וועגן דעם נס וואס דער אייבערשטער האט געטון אין דעם שמן. אז עס

איז נישט געווען געגנוג שמן מדליק צו זיין נאר פאר איין טאג, און עס איז געווען א נס, אז מען האט געקענט צינדען די מנורה גאנצע אכט טאג.

**די** סיבה פארוואס מען האט נישט געקענט צינדען די מנורה, איז געווען די יונים, וואס זיי האבען זיך אויפגעשטעלט אויף יודען, להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך. עס איז געווען א מלחמה מיט די יונים, זיי זענען דעמאלטס געווען די געלערנסטע פאלק פון אלע פעלקער, זיי זענען געווען זייער גרויס אין חכמה. חכמת יוונית, איז געווען די העסטע סארט חכמה וואס איז געווען ביי אומות העולם. יודען האבען א גרעסערע חכמה פון די גוים, מיר האבען חכמת התורה, וואס א גוי פארשטייט דאס נישט, א גוי קען נישט לערנען. און אונז יודען האט דער אייבערשטער באשאנקען מיט די תורה, אז מיר זענען זוכה צו פארשטיין די טיפקייט פון תורה, וואס א גוי קען עס נישט דערגיין. און זיי האבען געוואלט משכיח זיין די תורה, זיי האבען געוואלט זיין די חשוב'סטע, זיי זאלען האבען די העכסטע חכמה. און יודען האבען זיך געהאלטן, זיי האבען חכמת התורה וואס איז מער פון די חכמה פון די יונים. און די יונים האבען זיך אויפגעשטעלט אונטערדריקען יודען, להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך, מעביר צו זיין יודען פון די תורה, משכיח זיין פון זיי דאס לערנען, יודען זאלן זיך אויסמישען מיט די גוים, און נישט זיין העכער פון זיי.

**די** ערשטע זאך האבען זיי חרוב געמאכט דעם בית המקדש. 'ופרצו חומות מגדלי', זיי האבען צובראכען אינעם בית המקדש וואס מען האט געקענט, 'וטמאו כל השמנים', און זיי האבען מטמא געווען אלע אויל'ן וואס איז דארט געווען. אין די מנורה לייגט מען אריין שמן, וואס שמן איז רומז אויף חכמת התורה. און ווען מען האט אנגעצינדען די מנורה אין בית המקדש, האט מען אנגעצינדען די חכמה פון תורה ביי יודען. זענען זיי אריינגעגאנגען אין בית המקדש, און זיי האבען מטמא געווען די שמנים. זיי זענען נישט אריינגעגאנגען אין בית המקדש צו צוברעכן די אלע כלים פון די אויל, אויסצוגיסען די אויל, אז עס זאל נישט זיין אויל, און מען זאל נישט קענען צינדען. נאר זיי האבען געלאזט די אויל, דו קענסט האבען די אויל, אבער די אויל זאל זיין טמא. דו קענסט צינדען די מנורה ווייטער אויך, איך לאז דיר איבער די מנורה, איך לאז דיר איבער די שמן, אבער צינדט מיט טמא'נע שמן. **זיי האבען געוואוסט, אז זיי וועלן נישט קענען צוברעכן יודען מיט דעם וואס מען וועט זיי שטערן פון האלטן די תורה. האבען זיי געזאגט, דו קענסט זיין א יוד, אבער דו קענסט זיין א האלבע גוי אויך, מיט די יודישקייט צוזאמען קענסטו האבען טמא'נע שמנים. מען קען טאקע האבען שמן, אבער עס קען זיין טמא. און טאמער דער שמן איז טמא, וועט די חכמת התורה ממילא נישט ארבעטן. ווייל תורה איז נאר ווען מען פירט זיך אויף בטהרה, ווען מען פירט זיך מיט ריינקייט און ערליכקייט, דעמאלטס האט א חשיבות די תורה וואס מען לערנט. זיי האבען נישט געשטערט פון אנצינדען די מנורה, מען קען גיין ווייטער אין חדר, מען קען גיין אין ישיבה און לערנען, אבער עס זאל זיין טמא. וואס טמא איז טייטש, אוועקגיין פון מצות ה', אוועקגיין פון די מצות פון די תורה, ארויסגיין צו די טריפה'נע וועלט, די גוי'שע וועלט, האבען א חלק מיט די גוי'שע וועלט אויך. דאס איז טייטש 'טמאו כל השמנים'.**

**און** אויף דעם זענען געקומען די כהנים עם קדושיך, און זיי האבען מלחמה געהאלטן מיט מסירת נפש. רש"י זאגט (דברים לג-יא), אז די חשמונאים זענען געווען צוועלף מענטשען וואס זענען ארויסגעגאנגען האלטן מלחמה, און זיי האבען מלמה געהאלטן אקעגן א מיליטער פון א מדינה פון יון. עס איז געווען א געוואלדיגע מדינה. אז זיי האבען געקענט אריינקומען און חרוב מאכען דעם בית המקדש, איז דאך א סימן אז זיי זענען געווען שטארק. און דער אייבערשטער האט געמאכט א נס, דער באשעפער האט איבערגעגעבן רבים ביד מעטים וטמאים ביד טהורים. די חשמונאים האבען געוואוסט אז מען קען נישט לעבן מיט זיי צוזאמען. **מען קען נישט זיין א יוד, און האבען אין זיך די טומאה פונעם גוי. עס גייט נישט צוזאמען. אז מען וויל אויסוואקסען ערליך, אז מען וויל זיין אן ערליכער יוד, דארף מען זיך אפשיידען פון די גוים, מען דארף נישט האבען א שייכות מיט זיי.**

**און** דער אייבערשטער האט געמאכט א נס, צו ווייזען אז ווען יודען ווילן זיך האלטן בטהרה, מאכט דער אייבערשטער נסים ונפלאות, אז מען זאל זיך קענען האלטן ריין. דער באשעפער האט געמאכט נסים אינעם שמן, ווייל אז דו ווילסט זיין ערליך, ווערט מען דיר צוהעלפן פון הימל צו זיין ערליך. **זיי נישט צובראכען פון די נסיונות וואס מען גייט אדורך, זיי נישט צובראכען פון די שוועריקייטען וואס מען האט, אז דו ווערסט ווערן, איז דא א סיוע, הבא ליטהר מסייעין אותו** (שבת קד.), **דער באשעפער האט געהאלפן, און דער אייבערשטער העלפט, אז מען וויל צינדען די מנורה בטהרה, קען מען צינדען בטהרה.**

**און** דאס דערמאנט אונז יעדעס יאר דער יום טוב פון חנוכה, ווען מיר צינדען די מנורה. צו געדענקען, אז די יונים האבען נישט געזוכט אונז אוועקצונעמען פון תורה, נאר זיי האבען געוואלט מטמא זיין די שמנים. בלייב א יוד, אבער עס זאל זיין בטומאה. און אויף דעם האט אונז דער אייבערשטער געמאכט דעם נס, און וועגען דעם צינדען מיר אן די מנורה.

*

**וואו** צינדט מען די מנורה, על פתח ביתו מבחוץ, מען צינדט עס ביי די טיר. וועלכע טיר, די אויסענווייניגע טיר, וואו מען גייט ארויס צו די גאס [אזוי איז געווען אין די צייטן פון חז"ל]. **ווילאנג א קינד איז אין ישיבה, ער איז אין תלמוד תורה, ער איז ביי זיין טאטע און מאמע אינדערהיים, איז ער ערליך. ער זעהט נישט די גוישע וועלט, ער האט נישט א שייכות מיט די גוים, עס איז א מקום וואו עס איז דא לויטער טהרה, לויטער ריינקייט. אונזערע שטובער זענען ריין, דער תלמוד תורה איז ריין, די ישיבות זענען ריין, און אז מען געפונט זיך דארט שטענדיג, איז מען ריין. ווען הייבט אן א מענטש צו פאלן, ווען ער גייט ארויס אויף די גאס. ער קוקט ווי אזוי די אומות העולם לעבן, ער קוקט וואס די גוים טוען, ויתערבו בגוים וילמדו מעשיהם** (תהלים קו-לה), **לערנט מען זיך אראפ פון די גוים, און אזוי ווערט מען צוגעטשעפעט, און מען פאלט פון יודישקייט.** האבען די חכמים געזאגט, וואו זאלסטו צינדען די מנורה, על פתח ביתו מבחוץ. דו זאלסט עס צינדען ביי די טיר. **יעדן חנוכה ווען דו וועסט שטיין ביי די טיר, זאלסטו טראכטען, איך גיי יעצט ארויס אויף די גאס, וואס וועל איך טון אין די גאס, ווען וועל איך טרעפן אין די גאס, נישט קיין צדיקים, דו וועסט טרעפן דארט גוים, געדענק די נרות חנוכה, געדענק אז זיי ווילן מטמא זיין אונזערע שמנים. און אז דו וועסט דיך וועלן האלטן ערליך, וועט דער אייבערשטער העלפן. אזוי ווי ער האט געמאכט א נס דעמאלטס מיט די שמן, וועט דיך דער אייבערשטער יעצט אויך העלפען.**

**דאס** גיט א חיזוק פאר א יוד, אז מען זאל זיך קענען האלטן ערליך אין אלע שווערע זמנים. אין אלע צייטען וואס מען גייט אדורך, זאל מען זיך קענען האלטן ערליך. צינדט מען אן די מנורה על פתח ביתו מבחוץ, ביי די טיר וואו דו גייסט ארויס אויף די גאס. כדי דו זאלסט וויסען, אז די טיר איז דער הבדל צווישן דיר און דעם גוי. **ווילאנג דו ביסט אינעווייניג פון די טיר פון שטוב, ביזטו ערליך. אבער ווען דו גייסט ארויס אינדרויסן, ביזטו אין א נסיון אז דו קענסט דארט פארפאלן ווערן.** דארט לייגט מען די מנורה, דארט צינדט מען דעם שמן, צו ווייזען אז מיר דארפן זיך אפשיידען פון די אומות העולם. אונזער פלאץ איז נישט אינדרויסען אויף די גאס, **מען דארף זיך פרייען יעדע שעה וואס מען קען זיין אין שטוב, מען קען זיין אין בית המדרש, מען קען זיין אין ישיבה, מען קען לערנען און טון מצות און מעשים טובים, דאס איז אונזער גרויסקייט, און אזוי וואקסט מען אויס ערליך.**

**עס** שטייט אין רמב"ם (הל' חנוכה ד-יב), אז א מענטש דארף אלעס טון כדי ער זאל קענען מקיים זיין די מצוה פון נר חנוכה. אנדערע מצות אין די תורה, אויב ער האט נישט א אתרוג, איז ער נישט מחוייב אוועקצוגעבן זיין גאנץ פארמעגן כדי צו קויפן א אתרוג, ער איז נאר מחוייב אוועקצוגעבן ביז א פינפ'טל פון זיין פארמעגן. א מענטש האט טויזנט דאלער, איז ער נישט מחוייב אוועקצוגעבן טויזנט דאלער כדי צו קויפן א אתרוג, ער איז נאר מחוייב אוועקצוגעבן צוויי הונדערט דאלער פאר דעם אתרוג. אבער עס איז דא מצות וואס מען איז מחוייב אוועקצוגעבן אלעס וואס ער האט.

טאמער עס קאסט טויזנט דאלער, געב אוועק טויזנט דאלער. דו ביזט א ארימאן, דו האסט נאר איין דאלער, געב אוועק די דאלער פאר די מצוה. דו האסט נישט אפילו איין דאלער, דו האסט אבער א רעקל וואס דו האסט אן, איז די מצוה אז דו דארפסט פארקויפן די רעקל וואס דו האסט, כדי מקיים צו זיין די מצוה. ביי די מצוה פון נר חנוכה זאגט דער רמב"ם אז אפילו א מענטש האט נישט קיין געלט, איז ער מחוייב צו גיין ארבעטן, ער איז מחוייב צו זוכען א דזשא"ב, ארויסגיין דעליווערן א ארדע"ר, כדי ער זאל האבען די פאר צענט, ער זאל קענען קויפן נרות חנוכה. אויב ער האט נישט וואו ער זאל זיך פארדינגען, זאל ער פארקויפן זיין הוט און זיין רעקל, כדי ער זאל קענען מקיים זיין די מצוה. ווייל פאר פרסומי ניסא, איז א מענטש מחוייב אוועקצוגעבן אלעס וואס ער האט, כדי צו קענען מקיים זיין די מצוה.

**און** די גמרא (שבת כג:) זאגט, אז נרות חנוכה איז חשוב'ער פון מאכען קידוש. אויב ער האט נישט קיין געלט פארביידע, ער האט נאר געלט צו קויפן אדער אביסל וויין פאר קידוש אדער חנוכה לעכט, דארף ער קויפן חנוכה לעכט. ווייל פרסומי ניסא דאס האלט א יוד, ווען א יוד געדענקט שטענדיג די נסים וואס דער אייבערשטער טוט פאר אונז, אז דער אייבערשטער פארלאזט אונז נישט אין די שווערסטע זמנים. אז מען וויל טון מצוות, וועט דער אייבערשטער העלפען. דו ווילסט צינדען שמן בטהרה, וועט דער אייבערשטער שטיין דארט, און ער וועט דיר געבן שמן מן השמים. פאר אזא מצוה דארפסטו אוועקגעבן אלעס, כדי דו זאלסט עס געדענקען שטענדיג. די מצוה פון נר חנוכה איז נישט נאר א מצוה וואס מען איז מקיים אין חנוכה, נאר דעם לימוד וואס נר חנוכה ברענגט, אז דער אייבערשטער שטייט צו הילף ווען א יוד וויל דינען דעם אייבערשטען, דאס נעמט מען מיט, און דאס בלייבט ביי א מענטש אויף א גאנץ יאר. און פארדעם איז מען מחויב אוועקצוגעבן אלעס וואס מען האט, כדי מקיים צו זיין די מצוה.

**מען רעדט צו חשובע קינדער, וואס האבען יעצט זייערע שענסטע יארן אינעם לעבן. מען געפונט זיך אין חדר, און מען לערנט תורה. מען דארף זיך נישט זארגען פאר פרנסה, מען דארף נישט ארויסגיין אויף די גאס, מען קען זיצען און לערנען און דינען דעם אייבערשטען, יעדע פרייע מינוט וואס מען האט, פון צופרי ביז ביינאכט. און ב"ה א גרויס חלק פון די קינדער און די בחורים נוצן אויס ממש דעם גאנצן טאג. ווען זיי האבען פרייע צייט, חזר'ן זיי איבער וואס מען האט געלערנט, און זיי זוכען צו לערנען נייע לימודים, ווייל זיי ווייסען אז דאס איז אונזער כח. אין לנו שיור רק התורה הזאת, עס איז גארנישט געבליבען אויף די וועלט, עס איז נישטא קיין בית המקדש, עס איז נישטא קיין כהנים בעבודתם, עס איז נישטא קיין לויים בדוכנם, עס איז נישטא קיין ישראל במעמדם. איין זאך איז געבליבען, די תורה. די חומש, מיט די גמרא, דאס בלייבט ביי אונז אויף שטענדיג, און מיט דעם איז א יוד צוגעבינדען צום אייבערשטען אייביג.**

**די** טעג פון חנוכה לערנט אונז, אז אפילו ווען מען האט שוועריקייטען, אפילו ווען עס איז דא א שווערע מלחמה פארן מענטש, ער זאל עס קענען זיגען, זאל ער זיך נישט פארלירען. דער אייבערשטער גיט אויסערגעווענליכע כוחות, רבים ביד מעטים, טמאים ביד טהורים, רשעים ביד צדיקים, זדים ביד עוסקי תורתך. פון יענע יונים איז שוין נישט געבליבען קיין זכר, אבער פון כלל ישראל איז געבליבען. מיר זענען נאך דא, וויפיל מען איז אדורכגעגאנגען אלע גזירות און השמדיות, און ביי די לעצטע מלחמה וואס יודען האבען אזויפיל פארלוירן, אבער כלל ישראל איז נישט פארלוירען געווארן. כלל ישראל לעבט, און עס וועט לעבן ביז משיח וועט קומען. מען דארף זיך האלטן פאר א זכיה אז איך בין א חלק פון כלל ישראל, און מיר וועלן דערלעבן משיח. זאל דער אייבערשטער אונז געבן, אין זכות פון דעם וואס יודען צינדען די נרות חנוכה, זאלן מיר זוכה זיין אז דער אייבערשטער זאל שוין בקרוב אויפבויען דעם בית המקדש, און מען זאל קענען צינדען די מנורה אינעם בית המקדש, ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים, בביאת בן דוד במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הערב (ליל ה' דחנוכה) הדליק **רבינו שליט"א** נרות חנוכה בבית המדרש סאמבאטהעלי. בין המשתתפים

נוכחו: **הרה"צ רבי דוד ראזענבוים שליט"א** האדמו"ר מקאלבסוב, **הרה"ג רבי אשר אדלער שליט"א** אב"ד סערעדנא (מאנסי), **הרה"ג רבי שמחה אהרן שטראהלי שליט"א** מו"ץ בקהלתנו הק' בוומסב"ג, **הרה"ג רבי חיים אלעזר מאנדלאוויטש שליט"א** (חתן כ"ק הגה"צ גאב"ד סערדאהעלי שליט"א).

באמירת דברי תורה המשיך **רבינו שליט"א** בסוגית דנר חנוכה עדיף מקידוש היום, ובדין דאין מעבירין על המצות, ועמד בחקירת האחרונים במי שאין המצוה מזומן לפניו, האם יש עליו חיוב לחזור שיוכל לקיימה. ואי הוי חיוב זה מן התורה או מדרבנן. ודן בזה לחלק דרק בהגיע זמן המצוה יש לומר דהוי מן התורה.

ובסיום הדברים חזר על דברי **הרמב"ן** הידועים (סוף פ' בא), דעל ידי נסים גלויים מתבונן האדם על הנסים הנסתרים שבכל יום תמיד, וזהו עוצם חיוב פרסומי ניסא, שבהתבוננות הנס בא לידי אמונה שלימה בהשגחת השי"ת, אשר זהו יסוד כל התורה כולה.

בשעות הלילה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של הבחור **משה דוד** נ"ו, בן הר"ר **יודל בינער** הי"ו, שהתקיים באולם בעדפארד פערעדייס.

*

***<u>ערב שבת קודש פרשת מקץ</u>***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפילין להבחור **משה דוד** נ"ו בן הר"ר **יודל בינער** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **לייב קארפען** הי"ו, שישב שבעה על פטירת אחיו הר"ר **ישעי' קארפען** ע"ה.

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**חתנו הר"ר וואלף מארקאוויטש הי"ו:** דער שווער (הר"ר **לייב קארפען** הי"ו) האט געהאט אן אינטערעסאנטע מעשה מיטן פעטער רבי ישעי' ע"ה ביי א ברית ביים **סאטמארער רבי זי"ע** אין שעראן ספריגנס. דער שווער האט געמאכט א ברית פאר א קינד, און מען איז ארויסגעפארן צום רבי'ן, און רבי ישעי' איז געווען דער מוהל, און ווען מען איז אנגעקומען אהין, האט מען געזען אז מען האט נישט מיטגענומען דעם מוהל מעסער. עס איז געווען א לאנגער וועג פון זיבען שעה. מען האט קודם פראבירט צו שטעלן א מעסער פון א אנדערע כלי. ער איז דאך געווען א שוחט, האט ער געמאכט פון א מעסער שארף אויףביידע זייטען. אבער דער רבי האט נישט מסכים געווען, און ער האט געזאגט בזה הלשון, 'מילה איז א סכנה. אויב מען טוט די מצוה כתיקונה, איז די מצוה מגין, אנדערש האב איך מורא'. ביום השמיני וועט מען נישט אדורכלאזען, אבער ביז דעמאלטס לאמיר זוכען.

מען איז געפארן אויף אלבעני, און מען האט געפרעגט דעם רב דארט, צו עס איז דא א מוהל מעסער. האט ער געזאגט אז אין די שטאט ווערן אלע ברית'ן געטון אין שפיטאל, מיט א דאקטער'ס מעסער, אבער עס איז דא א מושב זקנים וואס דארט איז דא א מוהל, און מען קען אים גיין פרעגן. איז מען געגאנגען, און ער האט געהאט א מוהל מעסער, און מען האט עס געברענגט קיין שעראן ספרינגס, און מען האט געמאכט דעם ברית. עס איז נאך געווען פאר די שקיעה.

**רבינו:** מיין טאטע ז"ל איז געווען א מוהל נאך אינדערהיים, און ווען מען האט דעפארטירט, האט ער מיטגענומען מיט זיך א מוהל מעסער, מיט א חלף. מען האט דאך נישט געוואוסט וואו מען גייט, טאמער מען וועט דארפען פלייש, זאל ער קענען שחט'ן. און ער זאל האבען ביי זיך א מוהל מעסער, אויב עס מאכט זיך א ברית. און ער האט עס גענוצט. רבי מנשה מאייער שליט"א (ר"מ בישיבת נייטרא) האט ער געמל'ט אינמיטן די קריג. זיין מוטער ע"ה איז געווען זייער א פעסטע יודענע, און זי האט אויסגעפועל'ט ביי די דייטשען, אז מען זאל געבן רשות צו מאכען א ברית דעם אכטן טאג.

**הר"ר וואלף:** מען האט נישט אוועקגענומען דעם מעסער?

**רבינו:** ניין. זיי האט מען נישט געטראגען קיין אושוויץ, די יודען פון דעברעצין און מאקאווא זענען געווען אין א לאגער אין עסטרייך.

**הר"ר וואלף:** דער טאטע האט גענוצט דעם חלף אויך?

**רבינו:** דארט איז אים נישט אויסגעקומען. ווען ער איז געקומען קיין אמעריקא האט מיין טאטע געשחט'ן פאר זיך.

**הר"ר וואלף:** עופות אדער בהמות?
**רבינו:** עופות. בהמה פלייש האט מען נישט געגעסן. אמאל אמאל אויף יום טוב ווען רבי יצחק מנשה פריעד ע"ה האט געשחט'ן, האט ער גענומען אויף יום טוב. אבער בדרך כלל האט מען נישט געגעסן.
**הר"ר וואלף:** אלץ וואס?
**רבינו:** ווייל ער האט זיך נישט אויסגעקענט, האט ער נישט געוואלט.
ערב יום כיפור פלעגט ער אלע יארן אליין צו שחט'ן זיין כפרה, כדי ער זאל אנהאלטן אז ער שחט עפעס. רבי יצחק מנשה איז געווען עומד על גביו, און ער האט געשחט'ן אליין.

*

**הר"ר וואלף:** דער שווער איז געווען דא אין די וויענער שול, ווען **הרב וואזנער זצ"ל** איז געקומען דא זאגען א דרשה, ווען ער האט קאנדידירט אויפן רבנות נאך רבי יונתן.
**הר"ר לייב:** ביים רב'ס ערשטע דרשה בין איך אויך געווען.

**רבינו: הרב וואזנער זצ"ל** האט מיר כמה פעמים געזאגט, אז ער האט געפרעגט דעם **סאטמארער רב זי"ע** צו ער זאל אננעמען די רבנות דא, און ער האט אים נישט געוואלט זאגען נישט יא און נישט ניין. ער האט געזאגט, אז צו ענטפערן אויף אזא שאלה דארף מען קענען דעם שורש נשמה פונעם רב, און די שורש נשמה פון די בעלי בתים, וויסען צו עס פאסט איינער פארן אנדערן, און איך קען אין דעם נישט ענטפערן. האט **הרב וואזנער** געזאגט, אויב ער האט מיר נישט געקענט ענטפערן, קען איך אוודאי נישט זאגען אז יא.

*

***<u>שבת קודש פרשת מקץ</u>***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א באטע בבית** המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהרה"ק רבי יחזקאל שרגא משינאווע זי"ע** (לרגל היומא דהילולא ביום ו' טבת). בברכת המזון נתכבד חדב"ן **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א.**

# פרשת ויגש א׳ – ז׳ טבת תשע"ו לפ"ק

***יום ראשון פרשת ויגש***

בשעות הערב (ליל זאת חנוכה) הדליק **רבינו שליט"א** נרות חנוכה בבית המדרש סאמבאטהעלי. בין המשתתפים נוכחו: **הרה"ג רבי דוד סופר שליט"א** אב"ד פאקש, **הרה"ג רבי שמשון ראאב שליט"א** (מרביץ תורה בקהלתנו הק׳).

באמירת דברי תורה עמד **רבינו שליט"א** לבאר דברי המדרש תנחומא (סוף פ׳ נשא) בדין שמן נרות חנוכה שנותר אם מדליק ממנו בשאר הלילות, על פי שיטות הראשונים בדין אין מבטלין איסור לכתחילה, ובדברי **החוות דעת** דגם באיסור דרבנן היכא דהוי איסור הנאה אסור להוסיף ולבטלו.

והמשיך בדרך נפלא לבאר סיום דברי המדרש, על פי דברי הגמרא (מגילה טז:) דגדול תלמוד תורה יותר מהצלת נפשות, וביאר בטעמו דתורה מגינא ומצלא שלא יצטרכו להגיע למצב של הצלת נפשות ולכן עדיפא ממנו. ולזה הגם שליל א׳ מימי החנוכה נתקן לניצוח מלחמה דהוי ממש ממות לחיים, מכל מקום שאר הלילות שתיקנו לזכר נס השמן במקדש עדיפא יותר, שזה היתה שמירה שלא יוכל האויב לשלוט ולהלחם בהם כמבואר בדברי **הב"ח** (סימן תר"ע), ומצילים שלא יצטרכו למלחמות ולהצלת נפשות ממות לחיים.

וזהו מה שמצינו ביעקב שהקדים לברך את אפרים שהיה רגיל לפני יעקב בתלמוד (כמ"ש רש"י בראשית מח-א), לפני מנשה שהיה אפוטרופוס על בית יוסף לכלכל את עם הארץ בשנות הרעב, לפי שגדול תלמוד תורה יותר מהצלת נפשות.

בשעות הלילה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הבר מצוה של הבחור **מתתיהו** ני"ו, בן הר"ר **שלמה זלמן עלבאגען** הי"ו (נכד הר"ר **אהרן הערש עלבאגען** הי"ו) שהתקיים באולם רענעסאנס.

*

***יום שני פרשת ויגש***

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה ונטל ידיו לסעודה לכבוד יום זאת חנוכה. **הרה"ג רבי יואל וואלפין שליט"א** (ר"מ בישיבה גדולה) דרש לכבוד היום.

אחר ששרו ניגוני חנוכה וניגוני התעוררות השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש, בטעם קביעות נרות חנוכה לבית שמאי נגד פרי החג, ובמה שמבואר במדרש שמצאו פך השמן בשיתין שתחת המזבח, ונרמזים בפסוקי הלל א-ל ה׳ ויאר לנו, בנס הנרות, ואסרו חג וגו׳ עד קרנות המזבח, שבזכות קרבנות חג הסוכות שהקריבו על גבי המזבח, מצאו פך של שמן בשיתין תחת המזבח (תוכן השיחה נדפס בגליון דברי תורה).

והמשיך בדברי מוסר והתעוררות לבחורי הישיבה להתבונן בקדושת הימים המאירים, ולהיות מוסיף והולך בתורה ועבודת ה׳ כל הימים. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**. אחר תפלת מנחה חילק **רבינו שליט"א** מעות חנוכה לתלמידי הישיבה.

***וזה תוכן הדברי תורה: (מה שלא נדפס בגליון דברי תורה)***

**...אין** הייליגע ספרים שטייט, אז די מחלוקת צווישן די בית שמאי און די בית הלל, צו מען איז מוסיף והולך צו מען איז פוחת והולך (שבת כא:), איז א מחלוקת אין די עבודה פון א יוד. די עבודה פון א יוד באשטייט פון צוויי חלקים, סור מרע ועשה טוב (תהלים לד-טו), מען דארף אוועקגיין פון שלעכטס, און טון גוטס. וואס דארף זיין די עיקר עבודה. צו דארף די עיקר עבודה זיין אינעם סור מרע, און וויפיל מען גייט אוועק פונעם רע, דארף מען נאכדעם טון אינעם עשה טוב. צו די עיקר פון די עבודה איז דער עשה טוב.

**עס** איז דא וואס האבען געהאלטן אז די חשיבות פון עשה טוב איז נאר ווען מען איז אוועקגעגאנגען פונעם רע. יעדער יוד איז געבוירן געווארן מיט א חומר, מיט תאות הגוף, מיט שלעכטע מדות, מיט שלעכטע געוואוינהייטן, און די ערשטע עבודה איז, סור מרע. הייב זיך אן אביסל אויסצורייניגען, הייב אן מסדר צו זיין דיינע מדות, נעם די מדה פון כעס, און הייב אן צו ארבעטן דערויף. הייב אן צו ארבעטן אויף דיין גאות, און אזוי ווייטער. און וויפיל מען גייט אוועק פונעם סור מרע, דארף מען נאכדעם צוקומען צום עשה טוב. ווילאנג א מענטש איז נאך פארבינדען

מיט שלעכטס, האט נישט דער טוב א חשיבות. דאס איז געווען די עבודה פון די בית שמאי. זיי האבן געהאלטן, 'פוחת', מען דארף קודם פארמינערן די שלעכטס וואס איז דא אין זיך, און אזוי 'והולך', און אזוי זאל מען גיין ווייטער.

**די** בית הלל האבן געהאלטן אנדערש, און אזוי האבן געהאלטן רוב צדיקים, אז די עבודה פון א יוד דארף זיין מיט עשה טוב. נישט קוקען ווי ער האלט מיטן סור מרע, נאר טון גוטס. קוק נישט אין וואס פאר א מצב דו ביסט, נעם דיך צו לערנען תורה, צינד אן א ליכט, תורה איז ליכטיגקייט, נר מצוה ותורה אור (משלי ו-כג), און מעט מן האור דוחה הרבה מן החושך. ווען מען צינדט אן א ליכט אין א פינסטערע שטוב, הייבט אן צו ווערן ליכטיג, און ווען עס קומט צו נאך א ליכט ווערט נאך ליכטיגער, דער אור אליין טוט דוחה זיין דעם חושך. א יוד דארף זיין מוסיף והולך, ער דארף מוסיף זיין אין עבודת ה', אנצינדען נאך א ליכטל און נאך א ליכטל, און אזוי זאל ער זיין א הולך. דאס איז די מחלוקת צווישן די בית שמאי און די בית הלל.

**מיר** פסק'ענען אזוי ווי די בית הלל, די בית הלל האלטן מוסיף והולך, **די עבודה פון א יוד איז, מוסיף והולך צו זיין. נישט קוקען וואס עס איז געווען, נישט קוקען אויף זיינע גשמיות'דיגע חלקים, וואס ער פילט אז ער איז נאכנישט אויסגעארבעט געהעריג, נאר ער דארף טון און מוסיף זיין. יעדע ווארט תורה וואס ער לערנט, דארף ער וויסען אז דאס איז א ליכטיגקייט וואס טוט אים באלייכטען. און ווי מער ער וועט עוסק זיין בתורה, ווי מער ער וועט מתפלל זיין, ווי מער ער וועט טון מצות, וועט דאס אויסארבעטן זיין חומר, אז ער זאל קענען ווערן אויסגעאיידלט.** 'מוסיף והולך', מען דארף מוסיף זיין, און אזוי דארף מען צוקומען צו עבודת ה'.

*

**אין** בית המקדש איז געווען די הלכה, אז עס איז אסור להשתמש לאורה. ביי חנוכה איז דא א מחלוקת צו עס איז מותר להשתמש לאורה, צו עס איז אסור להשתמש לאורה (שבת כא: ובר"ן שם). מיר פסק'ענען אז עס איז אויך אסור להשתמש לאורה, אבער עס איז דא איין דעה אין די גמרא, אז עס איז מותר להשתמש לאורה. די רמז דערפון קען זיין, אמאליגע יודען זענען געווען אזוי ווי א בית המקדש. ווען מען האט געצינדען די מנורה, האט מען אנגעצינדען זיין ליכטיגקייט, מען האט אנגעצינדען זיין נשמה, און דארט איז די הלכה אסור להשתמש לאורה. מען דארף אלעס טון בלתי לה' לבדו, נאר פארן אייבערשטען, און נישט ער זאל האבן א פניה, ער זאל האבן עפעס א השתמשות פון די ליכטיגקייט פון זיין תורה. אין די משנה (אבות ד-ז) שטייט, אז מען טאר זיך נישט משתמש זיין מיט די אור התורה, און ווי הארב עס איז ווען איינער איז זיך משתמש דערמיט. דאס איז אלץ ביי דערהויבענע יודען.

**אבער** ווילאנג מען איז נאכנישט אין די מדריגה, איז מותר להשתמש לאורה. אזוי שטייט אין רמב"ם (הל' תשובה י-ה), ווילאנג מען איז נאך יונג, מען איז נאך א בחור אין ישיבה, דארף מען לערנען פאר כבוד, מען דארף לערנען כדי מען זאל אים רימען, כדי ער זאל אויסוואקסען א תלמיד חכם, אזוי גייט די עבודה פון א יוד. לעולם יעסוק אדם בתורה ובמצות שלא לשמה, שמתוך שלא לשמה בא לשמה (פסחים נ:). יא, עס איז נישט א חסרון שלא לשמה, הלוואי זאל מען לערנען שלא לשמה. מען זאל זיצען און לערנען און נישט אנברענגען קיין צייט, אפילו עס איז שלא לשמה, צו האבן א הונדערט אויף די בחינה, איך וויל ווערן דער בעסטער בחור אין די קלאס, איך וויל ווערן דער בעסטער בחור אין די ישיבה, איך וויל אז יעדער זאל ארויפקוקען אויף מיר, עס איז נישט קיין שום חסרון בשעת מען האלט אין אנהייב פון די עבודה. - און וועגן דעם איז די נרות וואס מען צינדט נישט אין בית המקדש, די נרות וואס מען צינדט אינדרויסען איז מותר להשתמש לאורה, מען מעג לערנען כדי מען זאל האבן נוצען דערפון. און די עבודה פון א יוד איז מוסיף והולך צו זיין, צוגעבן ווי מער ער קען אין תורה און עבודת ה', ער זאל שטייגען.

*

**איך** האב געזען שטיין פון איינע פון די סלאנימער רבי'ס, מען זאגט יעצט יעדן טאג אין הלל, פה להם ולא ידברו, עיניהם להם ולא יראו, אזנים להם ולא

ישמעו, אף להם ולא יריחון (תהלים קטו-ה). האט ער געטייטשט, 'פה להם', אויב די מויל פון א מענטש איז נאר פאר זיינע אייגענע צרכים, 'ולא ידברו', אזא מויל רעדט נישט אין תורה. וועגן דעם לערנט זיך נישט, ווייל די פה איז 'להם', די מויל נוצט מען פאר די אייגענע צרכים. ווען א יוד לערנט תורה וואלט ער געדארפט זעהן א ליכטיגקייט אין די תורה, אבער ווען עס איז 'עיניהם להם', ווען מען נוצט די אויגען פאר זיך, פאר די אייגענע גשמיות'דיגע זאכען, דעמאלטס איז 'ולא יראו', דעמאלטס זעהט מען נישט. 'אזנים להם', ווען די אזנים זענען פאר זיך, 'ולא ישמעו', דעמאלטס הערט מען נישט. **א יוד דארף וויסען, אז זיין מויל און זיינע אויגען און זיינע אויערען דארפן זיין הייליג, עס דארף זיין מלא קדושה. ווען ער היט זיך זיין מויל, ער רעדט נישט דברים אסורים, ער רעדט נישט לשון הרע, ער טשעפעט נישט זיין חבר, ער איז נישט עובר אויף לא תונו איש את עמיתו (ויקרא כה-יז), ליגט א קדושה אינעם מויל. און ווען ער זעצט זיך לערנען, לערנט זיך. ווען ער שטעלט זיך דאווענען, דאווענט זיך. ווען ער היט זיך די אויגען, ער קוקט נישט וואס מען דארף נישט, נאכדעם ווען ער קוקט אריין אין די גמרא איז אים ליכטיג די גמרא.** דאס איז די עבודה פון א יוד, זיך אויסצוארבעטן אז אלע זיינע אברים זאלן זיין מקודש פארן אייבערשטען. און ווען א יוד טוט אין עבודת ה', ווערט ער נתעלה.

*

**עס** איז שוין אדורך צוויי חדשים פונעם זמן, און אסאך מאל ווערט מען צובראכען. עס איז שוין אדורך כמעט א האלבע זמן, איך האב געמיינט ווער ווייסט ווי איך וועל אנקומען אין דעם זמן. ווי מען האט פריער געהערט, אז יעדער האט זיינע שאיפות אנהייב פונעם זמן, ווי ער וועט אלץ אנקומען. און אסאך מאל בלייבט איבער מותרות, ער איז נישט צוגעקומען צו דעם וואס ער האט געוואלט. און ער ווערט צובראכען, אז ער האט נישט די מוט אנצוהייבען ווייטער. עס איז אבער נישט ריכטיג, א מענטש דארף קיינמאל נישט זיין פארנומען מיטן עבר וואס איז אדורך. מען האט גארנישט פון דעם וואס עס איז אדורך. עס איז נאך דא צוויי דריטל פונעם זמן, מיר האבען א לאנגען ווינטער, עס איז אן עיבור יאר. עס איז אדורך צוויי חדשים, אבער מען האט נאך פיר חדשים, און מען קען זייער אסאך קונה זיין אין די צייט וואס איז געבליבען.

**מען** דארף נישט קוקען וואס עס איז געווען ביז יעצט, עס דארף זיך אנהייבען א פרישע התחלה ביי יעדן בחור. **מען האט מדליק געווען די נר חנוכה, נר מצוה ותורה אור, איך הייב יעצט אן אזוי ווי עס איז א התחלת הזמן, איך קום היינט אריין די ערשטע מאל אין ישיבה, איך גיי זיך זעצען לערנען. וואס מען האט ביז יעצט געלערנט, וועל איך נעמען א געלעגענהייט און איך וועל עס איבערחזר'ן, אבער פון יעצט און ווייטער, וועל איך זיך אריינוואורפען אין תורה. ליגען אין תורה, נישט אנברענגען קיין צייט, יעדע פרייע מינוט וואס איך האב וויל איך אויסנוצען, איך וויל שטייגען, איך וויל אז סוף זמן זאל איך אויסוואקסען און איך זאל קונה זיין, וויפיל איך האב געקענט קונה זיין אין דעם זמן.** מען דארף נישט קוקען וואס עס איז אדורכגעגאנגען, אסאך מאל איז מען פארנומען נישט נאר מיט אנהייב זמן, נאר מיט א יאר צוריק, און צוויי יאר צוריק, וואס ער וואלט אלץ געקענט קונה זיין, און ער האט עס נישט אויסגענוצט, און ער גייט נישט ווייטער. מען טאר נישט זיין פארנומען מיט וואס עס איז געווען. עס דארף זיין א פרישע התחדשות יעדן טאג, מוסיף והולך, עס איז נישט קיין חילוק וואס עס איז געווען נעכטן, יעצט הייב איך אן פון ניי אויס, זיך אריינצוואורפען אין ים פון תורה.

**תפלה**, דאווענען, ווען זאל מען דאווענען אז נישט אלץ בחור? ווען זאל מען זיך אויסלערנען צו דאווענען? ווען ער וועט זיין א יונגערמאן, און ער וועט דארפן גיין אין דזשא"ב, דעמאלטס וועט ער זיך אויסלערנען צו דאווענען?! **תפלה איז אן עבודה שבלב, דאווענען מיטן הארץ, כל עצמותי תאמרנה ה' מי כמוך. איז עס שבח והודאה, זאל ער עס זאגען מיטן גאנצן הארץ, מיטן גאנצן הבנה. איז עס תפלות וואס ער בעהט בקשות, וויפיל דארף ער בעטן בקשות, יעצט ווען עס איז זיינע שענסטע יארן פונעם לעבן. אז מען פארפאטשקעט עס יעצט, האט מען**

**פארפאטשקעט דאס גאנצע לעבן. יעצט איז דער צייט. שמונה עשרה דארף נישט נעמען צוויי מינוט, יעדעס ווארט וואס מען זאגט, דארף מען אמת'דיג בעטן און מתפלל זיין מיט כוונת הלב, זיך אויסבעטן וואס מען דארף זיך אויסצובעטן.**

**נישט** קוקען וואס איז געווען, אנהייבען מיט א פרישע התחדשות, מען זאגט אין הלל, ואנחנו נברך י-ה מעתה ועד עולם הללוי-ה (תהלים קטו-יח). איך האב געזען שטיין אין הייליגע ספרים, 'ואנחנו נברך י-ה', ווען א מענטש וויל לויבען דעם אייבערשטען, זאל ער נאר זיין פארנומען, 'מעתה ועד עולם', פון היינט און ווייטער. ער זאל נישט קוקען וואס עס איז געווען נעכטען. ווען ער וועט זיין פארנומען מיט דעם וואס עס איז געווען אינעם עבר, וועט ער קיינמאל נישט אנקומען. אל תאמר לכשאפנה אשנה, שמא לא תפנה (אבות ב-ד), שטייט אין הייליגע ספרים, מען זאל נישט זאגען, 'לכשאפנה', ווען איך וועל מיך קודם רייניגען, איך וועל קודם מטהר זיין אלעס וואס איך בין אדורכגעגאנגען, 'אשנה', דעמאלטס וועל איך מיך זעצען לערנען. 'שמא לא תפנה', דו וועסט קיינמאל נישט פארטיג ווערן מיט דעם לכשאפנה. 'ואנחנו נברך י-ה', ווי אזוי קען מען דינען דעם אייבערשטען, 'מעתה ועד עולם', מען דארף זאגען שטענדיג 'מעתה'. פון דעם וואס איז געווען נעכטען פון דעם האב איך גארנישט, וואס איך האב יא, איז מיינע טעג פון היינט און ווייטער. 'מעתה' איך הייב יעצט אן, 'ועד עולם', און שטענדיג וועל איך עוסק זיין אין תורה.

**עס** איז זאת חנוכה, א טאג וואס שטייט אין הייליגע ספרים אז מען קען אלעס אויספועל'ן ביים אייבערשטען. עס איז דא נאך איין געהעריגע תפלה, א מנחה, וואס מיר קענען דאווענען, וואס געהער נאך צו זאת חנוכה. דארף מען מתפלל זיין און בעטן פונעם אייבערשטען, אז מען זאל קענען מיטנעמען פון די ליכטיגקייט פון חנוכה, וואס שיינט אריין א ליכטיגקיט למטה מעשרה טפחים, אויף די נידריגסטע מקומות, ליכטיג צו מאכען אונזער נפש. און געדענקען אז מען דארף זיין א 'מוסיף והולך', נישט זיין פארנומען מיט וואס עס איז געווען, נאר 'מעתה ועד עולם', אנהייבען פון יעצט און ווייטער. וואס קען איך טון פון יעצט ביז סוף זמן, אז איך זאל קענען שטייגען.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, אז מיר זאלן קענען אויסנוצען די טעג פון אונזער לעבן ווי עס דארף צו זיין, דינען דעם אייבערשטען בשמחה וטוב לבב. ערכתי נר למשיחי, מען האט צוגעגרייט מיט די נרות חנוכה אז מען זאל קענען צינדען א נר ווען משיח וועט קומען, ועריכת נר לבן ישי משיחך, זאלן מיר זוכה זיין צו די גאולה שלימה, במהרה בימינו אמן.

*

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל התנאים של בן הרב רבי **אשר האלברשטאם** שליט"א, עב"ג בת הרב רבי **נפתלי קאהן** שליט"א, שהתקיים באולם די מארקיז.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הוואכנאכט של בן הר"ר **יואל פייערווערקער** הי"ו (משב"ק).

*

***<u>יום שלישי פרשת ויגש</u>***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והתפלל שחרית בבית מדרשנו. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **זלמן לייב פאגעל** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם.

אחר הברית חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **יואל פייערווערקער** הי"ו (משב"ק), שהתקיים בבית מדרשנו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, ווען יוסף האט זיך באקענט מיט די ברודער'ס, האט ער זיי געזאגט, והנה עיניכם רואות ועיני אחי בנימין, ענקערע אויגען זעהן, און די אויגען פון בנימין זעהן, כי פי המדבר אליכם (מה-יב), אז מיין מויל רעדט צו ענק. רש"י טייטשט, אז ער האט זיי געזאגט צוויי סימנים אז ער איז יוסף. איינס, והנה עיניכם רואות, שאני מהול, איך האב זיך געמל'ט. און צווייטענס, כי פי המדבר אליכם, איך רעדט

לשון הקודש, וואס איז נישט געווען די שפראך פון מצרים, איז א ראיה אז ער איז יוסף. און די מפרשים שטעלן זיך, אזביידע סימנים זענען שוואכע סימנים. ווייל יוסף האט דאך געהייסען פאר אלע מצרים אין די שנות הרעב, אז זיי דארפן זיך מל'ן, האט זיך יעדער געמל'ט. און דאס וואס ער רעדט לשון הקודש, איז אויך נישט א סימן, ווייל אין ארץ כנען האט מען גערעדט לשון הקודש, און א מלך דארף קענען לשון הקודש, זיין מליץ האט אויך געקענט לשון הקודש. וואס איז די ראיה אז ער איז יוסף.

**אין** הייליגע ספרים שטייט, אז עס איז נישט כפשוטו, אז ער האט גערעדט די שפראך לשון הקודש, נאר ער רעדט א הייליגע שפראך. עס איז א חילוק ווי אזוי מען רעדט, און וואס מען רעדט. מען קען דערקענען אויף אן ערליכען יוד, אז אפילו אויף זיין פשוט'ע שפראך וואס ער רעדט, איז עס א לשון קודש, א הייליגע שפראך. און מען קען רעדן לשון הקודש, און עס איז פראסט גערעדט. - האט ער געזאגט, כי פי המדבר אליכם, איר קענט דערקענען פון מיינע דיבורים וואס איך רעד צו ענק, אז איך רעד בלשון קודש, איך רעד אין א הייליגע שפראך. און דאס אליין איז דער סימן פון הראה להם שהוא מהול, ווייל עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז עס איז דא צוויי בריתים, וואס זענען מכוון איינס אקעגן דאס אנדערע. עס איז דא ברית מילה, און עס איז דא ברית הלשון. און אז ביי מיין ברית הלשון זעהט איר אז איך רעד בלשון קודש, איז א סימן אז די אנדערע ברית איז אויך בשלימות.

**יוסף** האט זיי געזאגט כי פי המדבר 'אליכם'. וואס איז דער אליכם, מיין מויל רעדט צו ענק. אז ער וויל ברענגען א ראיה אז ער רעדט לשון הקודש, וואלט ער געדארפט זאגען כי פי המדבר בלשון הקודש, מיין מויל רעדט לשון הקודש, פארוואס האט ער געזאגט כי פי המדבר 'אליכם'.

**עס** קען זיין, עס שטייט אין **דברי יחזקאל** (פ' מקץ), ווען יוסף האט זיך געטראפען מיט די ברודער'ס, זאגט דער פסוק (מב-ז) ויתנכר אליהם, ער האט זיך געמאכט צו זיי אזוי ווי א פרעמדער, וידבר אתם קשות, און ער האט גערעדט מיט זיי שווערע רייד. דער תרגום זאגט דערויף, וחשיב, און ער האט איבערגעטראכט, מה דמליל להון, וואס ער זאל רעדן צו זיי. געוועגליך טייטשט דער תרגום נאר איבער וואס עס שטייט אין פסוק, און דא שטייט נישט אין פסוק אז ער האט איבער געטראכט וואס ער גייט רעדן צו זיי, אבער אזוי שטעלט צו דער תרגום.

**האט** דער הייליגער **שינאווער רב** געזאגט, יוסף האט זיך געטראפען מיט די ברודער'ס, ער האט געהאט א זיסע נקמה, און ער האט געקענט נקמה נעמען אין די ברודער'ס. מען האט מיך פארקויפט, מען האט מיך אריינגעווארפען אין א גוב של אריות, און יעצט קומט איר אלע, און איר בוקט זיך פאר מיר, ער איז דער מלך. און בדרך כלל, ווען א מענטש טרעפט זיך מיט איינעם וואס האט אים אזויפיל ווייט געטון, און ער קען יעצט נקמה נעמען אין אים, רעדט ער דיבורים אומגעטראכט. די געפילן ברענגען אים ארויס כעס און נקמה וואס ער קען יעצט צוריק באצאלן פאר זיי. אבער יוסף בשעת ער האט גערעדט צו זיי, 'ויתנכר אליהם', כאילו ער האט נישט געהאט מיט זיי קיינמאל א שייכות פון פריער, כאילו זיי האבען אים קיינמאל גארנישט געטון. זיי זענען פרעמדע מענטשען, איך קען זיך נישט מיט זיי, און וועגן דעם האט ער איבערגעטראכט יעדעס ווארט וואס ער האט גערעדט, אז עס זאל נישט זיין קיין געפילן פון נקמה און שנאה און כעס בשעת ער רעדט צו זיי. פון דעם 'ויתנכר אליהם', פון דעם וואס ער האט זיך געהאלטן אזוי ווי א פרעמדער, פון דעם איז 'וחשיב', האט ער איבערגעטראכט, 'מה דמליל להון'.

**ווען** א מענטש רעדט צו יענעם פון כעס און נקמה, איז יעדע ווארט וואס ער זאגט, מיינט ער נישט יענעם, ער מיינט זיך צו בארואיגען. ער פילט זיך גוט מיט דעם וואס ער האט יענעם וויי געטון, און ער האט אים געקענט צוריקצאלן. יוסף האט אויך גערעדט צו זיי שטרענגע ווערטער, אבער יוסף'ס חשבון איז נאר געווען פאר זייער טובה, אז זיי זאלן אפקומען מיט דעם וואס מען האט אים פארקויפט. יוסף האט געוואוסט וואס מכירת יוסף וועט אלץ צוברענגען שפעטער, די עשרה הרוגי

מלכות וכדומה, און דאס וואס ער האט זיי מצער געווען, איז נישט געווען מיט אן אייגענע פניה, נאר עס איז געווען פאר זייער טובה. און דאס איז 'ויתנכר אליהם', 'חשיב', ער האט איבערגעטראכט 'מה דמליל להון', וואס ער האט גערעדט צו זיי, אז ער זאל נישט רעדן א ווארט וואס זאל זיין פאר זיין אייגענע אינטערעסע, נאר וואס איז נוגע פאר זייער טובה.

**האט** ער זיי געזאגט ווען ער האט זיך געטראפען מיט זיי, 'והנה עיניכם רואות', איר קענט זעהן, 'כי פי המדבר', אז אלע מיינע ווערטער וואס איך האב גערעדט, איז נאר געווען מכוון 'אליכם', נאר וואס איז נוגע פאר ענקערע טובה, דאס האב איך גערעדט. איך האב נישט גערעדט קיין שום דיבור וואס זאל זיין פאר מיינע געפילן, פאר מיין אינטערעסע, נאר מיין מויל האט גערעדט 'אליכם', נאר וואס איז נוגע פאר ענקער טובה.

**און** דאס איז לשון קודש, דאס איז א הייליגע שפראך. אזוי צו רעדן, אפילו בשעת מען קען נקמה נעמען אין איינעם וואס האט אים אזויפיל שלעכטס געטון, וישנאו אותו ולא יכלו דברו לשלום, און ער האט א מעגליכקייט יעצט אלץ מלך צו טון מיט די ברודערס וואס ער האט געוואלט, און פון דעסטוועגן דאך האט ער נישט גערעדט אפילו איין ווארט וואס זאל זיין פארבינדען מיט שנאה, נאר כי פי המדבר אליכם, איך האב נאר גערעדט וואס איז נוגע פאר ענקער טובה, דאס איז די ראיה אז ער האט גערעדט בלשון הקודש. און דאס האט געוויזען שהוא מהול, אז ער האט אלע קדושות אין זיך. ווייל אז נישט איז נישט מעגליך אז ער זאל קענען רעדן צו זיי מיט אזא הייליגען לשון.

**מען** זיצט ביי א סעודת ברית מילה וואס ר' יואל זאל זיין געזונט האט מכניס געווען זיין קינד בבריתו של אברהם אבינו. איך בין אים אסאך שולדיג, איך דארף אים אסאך מכיר טובה זיין, ער העלפט מיך ארויס גרינגער צו מאכן די עבודת הקודש. און נישט נאר פאר מיר, נאר ער העלפט פאר אסאך יודען. איך גיי אביסל מיט זיין טאג, זעה איך ווי כל היום חונן ומלוה, ער געבט אוועק דעם טאג ארויסצוהעלפען פאר אנדערע, וזרעו לברכה, וועט דער אייבערשטער העלפען אי"ה, אז ער וועט זעהן נחת ביי די קינדער, און זיי קענען מגדל זיין לתורה ולחופה ולמעשים טובים. די זיידעס זאלן אויך זעהן אסאך נחת דקדושה, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות. און מיר אלע זאלן זיך קענען צוזאמקומען מתוך שמחה וטוב לבב, און זוכה זיין צו ביאת המשיח, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** לחיים לכבוד האירוסין של החתן **יונה** נ"י בן הר"ר **שלמה צבי זינגער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אברהם חיים שפיטצער** הי"ו (וומסב"ג).

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הוואכנאכט של בן ש"ב הרב **יואל הערש קאהן** שליט"א (חתן הרה"ג רבי צבי אלימלך פיש שליט"א, חתן הגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א).

*

***יום רביעי פרשת ויגש***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **משה נפתלי טענענבוים** הי"ו.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל התנאים של בת הר"ר **משה יוסף הכהן האפמאן** הי"ו (ב"פ), עב"ג בן הר"ר **משה נחמי' איידליס** הי"ו (ב"פ), שהתקיים באולם בורשטין. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת התנאים

*

**יום חמישי פרשת ויגש**

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה ומסר שיעורו היומי, ושיעורו השבועי באור החיים הק'. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החופה של בת הר"ר **דוד דוב אבעלעס** הי"ו (וומסב"ג), עב"ג בן הר"ר **יחיאל עזריאל גלויבער** הי"ו (וומסב"ג), שהתקיים באולם פרדס פיגא. **רבינו שליט"א** נתכבד בקריאת הכתובה.

אחר החופה נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

**שבת קודש פרשת ויגש**

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי יואל משה מרדכי שליט"א**.

בסעודה שלישית נתכבד **הרה"ג רבי אלכסנדר יעקב גראסס שליט"א** בברכת המזון.

במוצאי שבת השתתף **רבינו שליט"א** אצל סיום ששה סדרי משנה ע"י האחים הבחור **יקותיאל יהודא** ני"ו, והבחור **ישראל** ני"ו (ממצוייני תלמידי ישיבתנו הק'), בני הר"ר **לוי מיכאל גראסס** הי"ו. **רבינו שליט"א** האציל עליהם מברכותיו, שיזכו להתעלות במעלות התורה והיראה, ברוב הצלחה וסייעתא דשמיא.

## תוכן השיחה בעת ביקורו של רבינו שליט"א
## אצל הגה"צ רבי משה סופר שליט"א
### רב דבית המדרש קהלת יעקב פאפא בירושלים עיה"ק
**יום א' פרשת מקץ - ב' דחנוכה תש"ע לפ"ק**

**רבינו:** איך בין א שכן טוב דארטן, און איך בין שטארק נהנה פונעם בית המדרש, די בחורים זענען אויך נהנה.. (**רבינו שליט"א** התאכסן בבית הרבני הנגיד **הרב שמואל באדאנסקי שליט"א** ברחוב יואל בירושלים עיה"ק, וקבע מקום תפלתו עם בחורי אנ"ש ושעות לימודו בביהמ"ד פאפא בירושלים).

**אב"ד פאפא ירושלים:** יא ברוך השם.

**רבינו:** עס איז א שיינער מקום תורה.

**אב"ד פאפא ירושלים:** מען לערנט אין דעם בית המדרש דריי און צוואנציג שעה א מעת לעת, איין שעה הייס איך איך אז מען זאל דאס צושפארן, פון עלף ביז צוועלף ביינאכט. עס איז דא דארט א כולל חצות, זיי לערנען פון חצות און דאווענען ותיקין, און נאכדעם זענען דא אנדערע כוללים אויך דורכ'ן טאג, אויבן און אונטען.

**רבינו:** עס האט מיר דעם פרייטאג גזאגט א יוד אין בית המדרש, אז זייט דער בית המדרש איז דא, האב ער אויפגעהערט צו לערנען אינדערהיים, עס איז אים אסאך באקוועמער צו לערנען דא אין בית המדרש, עס איז צוגעשטעלט מיט ספרים וכדומה.

**אב"ד פאפא ירושלים:** עס איז זייער א אינטרעסאנטע זאך די השתלשלות פון דעם בית המדרש, אונזער שכן דארט איז א ספרדישער בית המדרש 'שמש צדקה', דארט איז געווען דער רב **רבי יעקב מוצאפי זצ"ל**, ער איז געווען א אדם גדול, און ביי די הנחת אבן הפינה ביי אונזער בית המדרש האט ער פארציילט א מעשה, אז ווען דער **הרב צדקה** [חוסין זצ"ל] האט געבויעט דעם בית המדרש שמש צדקה, האט ער געוויזן אויף דעם פלאץ ווי אונזער בית המדרש איז יעצט, עס איז נאך דעמאלס געווען א ליידיג פלאץ, אז דארט וויל ער בויען פאר זיך א דירה. בשעת ווען ער האט מחנך געווען זיין בית המדרש דארט, איז געקומען

**הרב שלמה אליעזר אלפנדרי זצ"ל**, מען האט אים גערופען דער סבא קדישא, האט דער סבא קדישא געגעבן א קוק אויף דעם פלאץ, און ער האט געזאגט: 'לא, כאן יהיה מקום קדוש'. די ספרדים האבן זיך זייער געוואונדערט אזוי מיט זייער שפראך, וואס עפעס זאגט ער אזוי אז מען קען נישט דארט מאכן א דירה, האט ער נאכאמאל געקוקט און געזאגט: 'אתה לא תבנה, כאן יהיה מקום קדוש', אבער **הרב צדקה** האט זיך געהאלטן ביי זיינעם. למעשה איז געווען אז ער האט נישט דארט געבויעט, עס איז געווען א שטח אינמיטען די שטאט, און עס איז כסדר געווען א ליידיגער פלאץ. ביז איינמאל האט עס איינער געקויפט, און עס איז אדורך אפאר הענט, פון איינעם צום צווייטען, ביז עס האט עס אפגעקויפט א איד ר' שמשון מאנדעל, ער איז געווען מיין זיידען דעם **ויגד יעקב'ס** א תלמיד, און ער האט געמאכט פאר זיך אזא בלוי-פרינט צו בויען פאר זיך א הויז און פאר זיינע צוויי קינדער.

מיין טאטע [**רבי פישל סופר זצ"ל הרב מטעמעשוואר**] האט באקומען דעמאלס א ירושה פארן בית המדרש, זיין בית המדרש איז געווען דעמאלס אויף רחוב יואל, מיין טאטע האט געמאכט א אסיפה וואס מען זאל טוהן מיט די געלט, און יעדער האט געזאגט אנדערע סברות, ר' שמשון מאנדעל איז אויך געווען דארט פון די עסקנים, האט ער געזאגט: **טעמעשווארער רב**, גיטס אהער ארום פערציג טויזענט דאללער, עס איז געווען דעמאלס א שיינער סכום געלט, און איך געב ענק דעם שטח פאר דעם געלט, מען זאל בויען דא א בית המדרש, כאטש ער האט שוין געהאט א בלוי-פרינט פאר זיך צו בויען. און ער האט צוגעלייגט א תנאי אז מען זאל אים נאך נישט באצאלען, נאר מען זאל שוין אנהייבן צו בויען, ווייל אויב מען וועט קודם צאהלן וועט נישט זיין שפעטער קיין געלט, און די ארבעט וועט בלייבן שטיין. נאר מען זאל אים בלייבן שולדיג און מען זאל אנפאנגען בויען. און אזוי האט מען געטוהן, מיין טאטע האט געגעבן א חתימה דערויף, און ווען מען האט זיך געגרייט צו בויען דעם בית המדרש, ביים אבן הפינה האט **הרב מוצאפי** געזאגט, אז יעצט זעהט ער ווי עס איז מקויים געווארן די ווערטער, די פלאץ איז אדורך פון האנט צו צווייטען, קיינער האט דארט נישט געבויעט קיין מקום מגורים צו וואוינען, דארט האט מען געבויעט א מקום קדוש.

דאס איז עפעס א פלא גדול, אז דער מקום קדוש איז אזא מקום תורה צווישן די אלע בתי מדרשים דא אין ירושלים, אידן קומען אריין דא און מען לערנט עפעס אויסער געוועינטליך, עס איז א אינטרעסאנטער זאך.

*

**אב"ד פאפא ירושלים:** איך וויל מכבד זיין דעם רב מיט מיין ספר (**שמן המאור**), איך האב ארויסגעגעבן יעצט מיינע שיעורים אין הלכה וואס איך האב געזאגט אין די כוללים, אויף אורח חיים, הל' שבת וכו', און אויך אויף יורה דעה, אויף הל' רבית, נדה און מקואות ועוד. עס האט א חשיבות ווייל איך האב עס געזאגט ברבים, און מען האט מפלפל געווען אויף דעם.

**רבינו:** אזוי ווערט עס אויסגעארבעט. (**רבינו שליט"א** הפליא את תוכן הספר, ובעת עיונו בשיעורי ההלכה על הל' מקואות אמר): דער **ויחי יוסף** האט דאך אויך געמאכט א גאנץ חיבור אויף מקואות.

**אב"ד פאפא ירושלים:** יא, ער האט אסאך עוסק געווען דערין, ער האט אנגעפאנגען לערנען מקואות מיט מיר, איך האב ביי אים געלערנט מקואות אנדערהאלבן יאהר, די ערשטע משנה אין מקואות האבן מיר געלערנט זעקס וואכן. שפעטער האב איך חתונה געהאט וכו', און ער איז געבליבן ביי מקואות, ער האט דאס געלערנט צוואנציג יאהר, כסדר כל ימיו.

**רבינו:** ער האט געהאט מיט אייך א שיעור קבוע ווען ער האט עוסק געווען אין דעם?

**אב"ד פאפא ירושלים:** יא, א שיעור קבוע האט ער געהאט, רבי פישל שמעלצער שליט"א האט אויך געלערנט דארט ביי דעם שיעור, עס האבן זיך אמאל צוגעטשעפעט נאך בחורים.

**רבינו:** דאס איז געווען ביי אים אין שטוב?

**אב"ד פאפא ירושלים:** אין בית המדרש. איך שרייב דא אין די הקדמה צום ספר, מיין פעטער [**בעל ויחי יוסף זצ"ל**] איז געזעצן מיט אונז יעדן טאג שעה'ן לאנג אין בית המדרש, ער האט נאכנישט געהאט קיין דאגה דעמאלס פון קיין ישיבה, עס איז

נאכנישט געווען א ישיבה, ממילא איז די קבלה וואס אונז האבן געהאט פון אים איז געווען זייער אסאך, עס איז געווען א זכיה אז ער האט נישט געהאט א ישיבה, האט ער געקענט לערנען מיט אונז. ווען ער האט געהאט די ישיבה איז שוין געווען עפעס אנדערש.

**רבינו:** ער האט מסתמא אויך געשריבן תשובות אין די צייט.

**אב"ד פאפא ירושלים:** יא, אוודאי ער האט געטוהן נאך זאכן, אבער אפאר שעה יעדן טאג איז געווען אין מקואות, עס איז געווען צוויי מאל אין טאג. ער האט עס נישט נאר פארגעלערנט, נאר די אלע ענינים האט ער דורכגעטוהן מיט אונז.

*

**אב"ד פאפא ירושלים:** עס איז א אינטערעסאנטע זאך דאס ענין פון די הדלקת הנרות, די גמרא (שבת קו:) זאגט אז מבעיר איז א מקלקל, רבי שמעון לערנט דאך אז כל המקלקלין פטורין חוץ מחובל ומבעיר [דמקלקל הוא אצל העצים, ולשיטתו דמלאכה שאין צריכה לגופה פטור עליה], עס איז א פלא גדול אז א עבודה אין בית המקדש איז געווען מיט א מקלקל, עס איז א חידוש פון א זאך.

**רבינו:** עס איז אויך נישט געווען לצורך הנאה [על פי דברי הגמרא (שבת כב:) 'וכי לאורה הוא צריך', ולכן גם לשיטת רבי יהודה דמלאכה שאינה צריכה לגופה חייב עליה, פטור באופן זה]. אבער די צורך מצוה מאכט דאס פאר א תיקון.

**אב"ד פאפא ירושלים:** איך האב געקלערט, אז חנוכה ווען די מנורה איז געבליבן פיל (כתירוץ הב"י), איז דער הדלקה דעמאלס נישט געווען קיין מקלקל, ווייל עס איז געבליבן די גאנצע שמן (עיין בספרו **שמן המאור**, קדשים סימן י"ז).

**וכיבד את רבינו שליט"א לברך על היין**

**אב"ד פאפא ירושלים:** איך וויל מכבד זיין, חמרא וריחני פיקחין (יומא עו:)..

**רבינו:** דער אייבערשטער זאל העלפן, מען זאל קענען ווייטער אויך מרחיב זיין די גבולי הקדושה מיט הרחבת הדעת.

**אב"ד פאפא ירושלים:** והמברך יתברך, און מען זאל קענען אהיים טראגן פון דא דעם קדושת ארץ ישראל אויף ווייטער.

**ונפרדו לשלום**